ואתחנן - נחמו תשפ"ה
גליון 249

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

דֶער שַׁבָּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת נַחֲמוּ, וַוייל אִין דִי הַפְטָרָה פוּן דִי וָואךְ הֵייבְּט אָן דֶער נָבִיא - דֶער בַּאפֶעל פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן - מִיט דִי וֶוערְטֶער "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי". ר' נָתָן אִיז מְפָרֵשׁ דֶעם פָּסוּק אוֹיף עֶטְלִיכֶע אוֹפַנִּים, מִיר וֶועלְן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אֵיין וֶועג. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט זִיךְ צוּ דִי אִידְן "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" מַיין טַייעֶר פָאלְק אִיךְ בֶּעט פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער: "טְרֵייסְט דַיין חַבֶר, דַיינֶע פְרַיינְד אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְן דִי חֲבֵרִים אוֹיף צוּרִיק עֶנְק טְרֵייסְטְן, וַוייל יֶעדֶע אֵיינֶער דַארְף בַּאקוּמֶען פוּן זַיין חַבֵר עֵצוֹת אוּן דַעַת וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף יֶעדֶער אִיד אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זַיינֶע חֲבֵרִים וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט דִי לִמּוּדִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

שַׁבָּת נַחֲמוּ אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי דְרַיי שַׁבָּתִים וֶוען מֶען פְלֶעגְט זִיךְ צוּנוֹיפְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶעם לֶעצְטְן שַׁבָּת שַׁבָּת נַחֲמוּ פוּן רֶבִּי'נְס לֶעבְּן, זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין דַאן גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, דָאס אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי חֳדָשִׁים אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְקוּת, דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גָאר שְׁוַואךְ. פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט קִדּוּשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס שְׁלָאפְקַייט: "פַארְוָואס זֶענְט אִיר גֶעקוּמֶען צוּ מִיר? אִיךְ בִּין אִיצְטֶער אַ פְּרָאסְטִיק! אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט!" אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט נָאךְ אַזֶעלְכֶע רֵייד אוּן אִיז אַרַיין אִין אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע שְׁמוּעֶס.

וִוי סְ'אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער חִיּוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר פוּן דִי תּוֹרָה, אָבֶּער יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צַייטְן וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן צוּ עֶסְן, שְׁלָאפְן, פַּרְנָסָה אוּן נָאךְ פְּרִיוַואטֶע גֶעבְּרוֹיכְן, וִויאַזוֹי קֶען דֶעמָאלְטְס דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן חִיּוּת – אַ לֶעבְּנְס קְרַאפְט - אוֹיבּ עֶר אִיז דֶעמָאלְט אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי תּוֹרָה? אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַלֶע דוֹרוֹת פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן בִּיז דִי דוֹר וֶוען מְ'הָאט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה וִויאַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעלֶעבְּט?

דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת (תּוֹרָה ע"ח תִּנְיָנָא) אַ תִּירוּץ. אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ גֶעשְׁרֵיי פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ: " גִיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין!" וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דָאס וָוארְט גִיוַואלְד, הָאט עֶר דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוֹיסְצוּשְׁרַייעֶן פַאר אוּנְז אַלֶע אוּן אוֹיף דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן גְלוּסְט זֵייעֶר צוּהֶערְן דָאס קוֹל פוּן דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי הַפְטָרָה "הַנּוֹתֵן רוֹזְנִים לְאָיִן שֹׁפְטֵי אֶרֶץ כַּתֹּהוּ עָשָׂה (יְשַׁעְיָהוּ מ, כג) – דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען מַאכְן פוּן אַלֶע פְּרֶעזִידֶענְטְן אוּן אַלֶע גְרוֹיסֶע שָׂרִים אוּן הַארְן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, יֶעצְט אִין דִי טֶעג זֶענֶען מִיר מִתְפַּלֵּל צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה אוּמְגֶעשְׁטֶערְט פוּן אַלֶע מְנִיעוֹת וֶועלְכֶע קֶען חַס וְשָׁלוֹם אָנְקוּמֶען.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״נִישְׁט נָאר עֶנְק, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועלְט אִיז גֶעוָוואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה״, מִיר הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָּה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן וָואס גֶעבְּט אוּנְז פוּל חִיּוּת אוּן עֵצוֹת אִין עֲבוֹדַת ה׳, אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ.

אַשְׁרֵינוּ וָואס יֶעדֶער פוּן אוּנְז בַּאזוּנְדֶער הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי צוּקֶערְדִיגֶע עֵצָה פוּן זוּכְן אוּנְזֶערֶע ״נְקוּדוֹת טוֹבוֹת״ אוּן פוּן ״בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי״. מִיר הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזוֹיפִיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳ס אִין אוּמַאן מִיט דִי אַלֶע תִּקּוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי קֶען גֶעבְּן נָאר אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג.

יֶעצְט וַוארְט מֶען פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אוּנְזֶער טַאטְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הבעל״ט, מֶען קֶען זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים דָאס מַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען תקט״ו- פִינְף הוּנְדֶערְט מִיט פוּפְצְן – תְּפִלּוֹת צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: ״רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף, גֶענוּג!״ טָאמֶער אָבֶּער וָואלְט אַן אַנְדֶערֶע אִיד מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ – אֲפִילוּ גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶער אִיד – וָואלְט דֶער אִיד גֶעקֶענְט פּוּעֶלְ׳ן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל יָא קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין נִתְגַּלָּה וֶוערְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי צַדִּיקִים אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# בלייבן אונטער א צוים



שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַן אַלְטֶער אִיד אוֹיף דִי וֶועגְן...

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶנְק הָאבְּן שׁוֹין אַמָאל גֶעזֶען גָאר אַן אַלְטְן מֶענְטְשׁ, לָאמִיר זָאגְן, אַ צְוֵויי אוּן נֵיינְצִיג יֶערִיגֶער, זָאל פָארְן אוֹיף אַן עֶרָאפְּלַאן אָדֶער אוֹיף אַ בָּאס?!

רֶבִּי אֶפְרַיִם דֶער זוּן פוּן ר׳ נַפְתָּלִי אִיז גֶעוֶוען אַ אַלְטֶער אִיד אִין דִי נַיינְצִיגֶער יָארְן. אָבֶּער אֲפִילוּ אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר אַלֶע יָארְן פָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פָּשׁוּטֶ׳ע זַאךְ צוּ פָארְן אוֹיף אַזַא נְסִיעָה.

פְלֶעגְן דִי מֶענְטְשְׁן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִים פְרֶעגְן מִיט וואוּנְדֶער: ״אַזַא אַלְטֶער אִיד פָארְט אַרוֹיס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?! אַזַא

אַלְטֶער איד״?!

זיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר פָּארְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ פָּאר רוּבָּל, אִיךְ פָּאר צוּ מַאכְן גֶעלְט!״

הָא! דָאס אִיז שׁוֹין גֶעווֶען פַאר זֵיי אַ גוּטֶער תֵּירוּץ, אַז עֶר פַארְלָאזְט זַיין שְׁטוּבּ אִין אַזַא עֶלְטֶער פַאר אַ פָּאר רוּבָּל מֶעג מֶען!! אָבֶער קִינְדֶער מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן פַאר גֶעלְט, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן פַארְדֶעם, פַארְקֶערְט - עֶר פְלֶעגְט פַארְטֵיילְן פַאר צְדָקָה אַלֶע גֶעלְט וָואס זַיינֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן אִים שִׁיקְן פוּן אוּמַאן. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף אַ שִׁיף אוּן זִיצְן דָארְט עֶטְלִיכֶע וָואכְן צוּלִיבּ אַפָּאר דָאלַאר!!

נָאר פַארְוָואס אִיז עֶר טַאקֶע אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף אוּן גֶעפָארְן אַזוֹי לַאנְג אוּן דֶערְנָאךְ גֶענוּמֶען אַ פֶערְד אוּן וָואגְן בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן??

נָאר כְּדֵי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳נס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

ווֶען אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי אֶפְרַיִם פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן:
**״אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן לִיגְן אוּנְטֶער אַ פַּארְקְן (אַ צוֹים) אַבִּי אִיךְ זָאל פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה״!!**

אָבֶער אֶפְשַׁר ווֶעט עֶר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט דֶערְלֶעבְן, טָאמֶער ווֶעט עֶר נִפְטַר ווֶערְן אִינְמִיטְן ווֶעג?!

ר׳ אֶפְרַיִם אִיז גֶעווֶען גְרֵייט צוּ ווֶערְן בַּאעֶרְדִיגְט עֶרְגֶעץ וואוּ אִינְמִיטְן ווֶעג אַבִּי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס פַארְלַאנְגְט מֶען פוּן אוּנְז?! מִיר קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ אַבִּיסְל אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן אַוֶועקְגֶעבְן אַפָּאר מִינוּט אַ טָאג צוּ



דַאנְקְן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אַסַאךְ קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעווֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעפִיל מִיר זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אֱמוּנָה אִינֶעם צַדִּיק אוּן גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן מִיט שָׁלוֹם אוּן רוּאִיגְקֵייט אוּן קֶענֶען קְרוֹינֶען דָארְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ צוּזַאמֶען מִיט אַהֲבָה וְשָׁלוֹם.

# לעובדא ולמעשה

אין די יונגע יאָרן פון הָרַב הֶחָסִיד ר' יִצְחָק געלבאך ז"ל הָאט עֶר אַסאך געזוכט און געבענקט צו עֶפֶּעס אַ העכערקייט אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זיין טאטע איז געווען אַ גורער חָסִיד וועלכער הָאט געהאנדלט מיט מעל, עֶר איז געווען באוואוסט אֲפִילוּ בּיי די גוֹיִם פאר אַן ערליכער און באגלייבטער סוֹחֵר, נאך אַלס קינד הָאט ר' יִצְחָק געטראפן דעם סֵפֶר הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ אין אַ גְּנִיזָה אין דעם שׁוּל פון זייער שטעטל און נאך וואס עֶר הָאט געעפנט דעם סֵפֶר און געזען אַז די הייליגע דִיבּוּרִים הָאט אויף אים אַ גוטע הַשְׁפָּעָה הָאט עֶר פארגעזעצט צו לערנען אין דעם סֵפֶר. איינע פון די טעג ווען עֶר איז זיך אַזוֹי געזעצן און געלערנט אין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ הָאט עֶר געהערט ווי איינער אונטער אים פרעגט אים: "אין וועלכע סֵפֶר קוקסטו דארט?" דערשראקענערהייט הָאט עֶר זיך אויסגעדרייט זען ווער הָאט אים געכאפט בּיי די גְנֵבָה! אָבער ווען עֶר הָאט באמערקט ווער עס שטייט דארט איז עֶר באלד רוּאִיג געווארן, דאס איז געווען ר' מֹשֶׁה טענצער... אַ פריילכער בּרֶסְלֶב'ער חָסִיד וואס אַזוֹי ווי מען פלעגט אים רופן אַזוֹי פלעגט עֶר טון... עֶר פלעגט אַסאך טאנצן און זיך פריילך מאכן אין יעדע צושטאנד, כאטש די ארומיגע פלעגן מאכן פון אים שְׁפַּאס הָאט עֶר זיך נִישְׁט גענומען צום הארצן נאר עֶר פלעגט ווייטער טאנצן.

ווען ר' מֹשֶׁה טענצער הָאט געזען אַז ר' יִצְחָק אינטערעסירט זיך אין דעם הייליגן רַבִּינ'ס סְפָרִים הָאט עֶר אים געזאגט: "אין דעם סֵפֶר קוקסטו? קום וועל איך דיר געבן אַזא נייע!" עֶר הָאט אים געגעבן נאך אַ פעקל סְפָרִים וואס הָרַב הֶחָסִיד ר' אַהֲרֹן לייב ציגלמאן ז"ל ה' יִקוֹם דָמוֹ הָאט דעמאלס געדרוקט אין פוילן און דער יונגער מְחַפֵּשׂ הָאט זיך דערקוויקט זיין דארשטיגע נְשָׁמָה.



אין איינע פון טעג איז ר' יִצְחָק געגאנגען אויפן גאס ווען עֶר זעט אַ אידישער פעדלער שרייט אויס הויך: "שְׁמַאטעס! שְׁמַאטעס!" ארום אים הָאט עֶר טאקע געהאלטן אַלטע שְׁמַאטעס ווי אַלטע הויזן, פארשטויבטע סְפָרִים, אַן אָפּגעריבענע קאפעלוטש וואס מען קען שוין נִישְׁט דערקענען זיין אֱמֶת'ער קאליר א.ד.ג. עֶפֶּעס אין דעם פעדלער הָאט אָנגעצונדן בּיי ר' יִצְחָק דעם אויפמערקזאמקייט, עֶר הָאט באמערקט אַז צווישן דעם שְׁרייען שְׁמַאטעס! שְׁמַאטעס! רעדט עֶר עֶפֶּעס אַזוֹי ווי צו זיך אַליין, און נאך עטליכע מִינוּט אַזוֹי זיך אויסרעדן, גיבט עֶר ווידער אַ שְׁריי שְׁמַאטעס!

'אינטערעסאנט ווער איז אָט דער פעדלער', הָאט ר' יִצְחָק געטראכט צו זיך, אויף צומארגנס

הָאט עֶר ווידֶער גֶעטְרָאפְן דֶעם פֶּעדְלֶער און אַזוֹי נָאךְ אַ טָאג און נָאךְ טָאג, בִּיז אֵיין טָאג הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר מוּז אוֹיסְגֶעפִינֶען וָואס אִיז דֶער גֶעהֵיימְנִיס פוּן דֶעם אִיד.

עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ צוּגֵיין צוּ אִים סְתָּם אַזוֹי הָאט עֶר אִים נָאכְגֶעקוּקְט וואוּ עֶר גֵייט אַהֵיים און גֶעזֶען אַז עֶר גֵייט אַרַיין אִין עֶפֶּעס אַ קְלֵיין אַלְטֶע בּוּדְקֶע וָואס זֶעט אוֹיס גַאנְץ פַּאסִיג צוּ זַיינֶע שְׁמַאטֶעס, ר' יִצְחָק הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועט עֶר כַּאפְּן אַ שְׁמוּעֶס מִיט דֶעם אִידְן, דֶער פֶּעדְלֶער הָאט גֶעעֶפְנְט און גֶעפְרֶעגְט מִיט וַואנְדֶער דֶעם יוּנְגְן בָּחוּרְ'ל: "מִיט וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?"

"הֶעעֶע.." הָאט יִצְחָקְ'ל גֶעשְׁטַאמְלְט "אִיךְ וויל קוֹיפְן שְׁמַאטֶעס!"

"אַזוֹי? נוּ קוּם אַרַיין אִיךְ וֶועל דִיר ווייזְן וָואס אִיךְ הָאבּ". עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט ר' יִצְחָק בַּיי זִיךְ אִין פַּאלַאץ... און אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דִי זֶעק זַיינֶע אַלְטֶע שְׁמַאטֶעס און גֶעפְרֶעגְט ר' יִצְחָק וָואס וויל עֶר קוֹיפְן... ר' יִצְחָק הָאט גֶעזֶען אַז סְאִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית אַזוֹי, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט און גֶעפְרֶעגְט דֶעם פֶּעדְלֶער: "אִיךְ קוּק אַייךְ שׁוֹין נָאךְ אַ שְׁטִיקְל צַייט און כְ'הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען אִיר פַארְקוֹיפְט דִי סְחוֹרָה צְווִישְׁן אֵיין גֶעשְׁרֵיי שְׁמַאטֶעס צוּם צְוֵוייטְן רֶעדְט אִיר עֶפֶּעס שְׁטִיל צוּ זִיךְ... אִיר קֶענְט מִיר אֶפְשָׁר עֶרְקְלֶערְן אֵייעֶר הַנְהָגָה?"

דֶער פֶּעדְלֶער הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער בָּחוּרְ'ל פְרֶעגְט מִיט תְּמִימוּת און מֵיינְט נִישְׁט צוּ אָפְּלַאכְן אָדֶער פַארְשֶׁעמֶען הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט תְּמִימוּת: "הֶער זִיךְ אַיין, אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, מַיין רֶבִּי זַ"ל הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי ווִי צוּ אַן אֱמֶתְ'ער גוּטֶער פְרַיינְד, אַ גַאנְצְן טָאג בִּין אִיךְ פַארְנוּמֶען מִיטְן פַארְקוֹיפְן מַיינֶע שְׁמַאטֶעס צוּ מַאכְן אַפָּאר גְרָאשְׁן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן, דֶערִיבֶּער כַאפּ אִיךְ אַרַיין צְווִישְׁן אֵיין קוּנֶה און צְוֵוייטְן צוּ רֶעדְן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט צְווִישְׁן דֶער יוּנְגֶער בָּחוּרְ'ל מִיטְן פְּשׁוּטָן פֶּעדְלֶער, ר' יִצְחָק אִיז מוֹרָאְ'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אִיד, וֶועלְכֶער הָאט מִיט אַזַא תְּמִימוּת גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט... אָט דֶער פְּשׁוּטֶ'ער פֶּעדְלֶער הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן חֵלֶק אִין זַיין הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם פֶּעדְלֶער אִיז גֶעוֶוען ר' אַהֲרֹן בְּצַלְאֵל פֶּעפֶּער זַ"ל אֵיינֶער פוּן דִי אוּמְצָאלִיגֶע אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אִין פּוֹילְן פַארְן קְרִיג און זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם'.

מִיט אַזַא לִיכְטִיגְקַייט הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס פֶּעדְלֶערְס!




הגה"צ רבי דוד צבי אויערבאך זצ"ל, דער שווער פון רבי נתן, האט זוכה געווען צו די ברכה פון ׳לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך׳, מיט דעם וואס זיינע קינדער און אייניקלעך דורכאויס פיל דורות, זענען אויגעוואקסן אלס גדולי תורה והוראה, רבנים, מרביצי תורה און מחברי ספרים, ביזן הייטיגן טאג.

כדי צו ערמעגליכן פאר רבי נתן צו בלייבן ביים לערנען אומגעשטערט, און קענען אויסשטייגן לויט זיינע געבענטשטע כשרונות, האבן רבי נתנ׳ס שוויגער עלטערן אים אריינגענומען צו זיך אין שטוב נאך די חתונה, אזוויוי עס איז געווען איינגעפירט אמאליגע צייטן אז א אינגע פארפאלק האט נישט פארמאגט קיין אייגענע דירה מיט מעבל און איינריכטונגען, נאר מען האט אפגעשייד א שטיקל צימער ביים שווער וואו מען האט געקענט איינשטיין אומזיסט און אויך עסן פון שווער׳ס קאך, דאס האט געהייסן ׳קעסט׳.

אזוי ארום האט דער אינגערמאנטשיקל נישט געהאט די דאגה פון פרנסה און געקענט לערנען א גאנצן טאג אומגעשטערט.

רבי נתן, זייענדיג אונטערן שיץ פון זיין געהויבענעם שווער, וועלכער איז געווען איין שטיק תורה, האט ער טאקע געלערנט פלייסיג און גאר שנעל איז ער באקאנט געווארן צווישן די גרויסע לומדים פון שטאט. ביז א קורצע צייט איז רבי נתן גרייט געווען זיך צו שטעלן אויף א פארהער ביים שווער ביי וועם ער האט געגומען שימוש און הוראה.

צופיל חסידות האט רבי נתן נישט איינגעזאפט ביים שווער, נאר פונקט פארקערט... כאטש וואס דער שווער איז געווען א זון פון רבי ארי׳ לייביש ז"ל, פון די געהויבענע תלמידים פונעם הייליגן בעל שם טוב, פונדעסטוועגן איז ער, אלס יתום, ווייזט אויס נישט אויפגעצויגן געווארן צווישן חסידים.

שפעטער איז ער יא עטוואס אנגעווארעמט

געווארן צום דרך החסידות. ווען רבי דוד צבי איז געפארן לערנען ביי הרה"ק רבי מיכל'ע זלאטשובער זצוק"ל, ווי דער טאטע האט באפוילן דורך די מאמע אין חלום, איז ער זייער נתפעל געווארן פון זיין דערהויבענעם עבודת השם, אבער גלייכצייטיג איז ער ערשטוינט געווארן פון דעם וואס די חסידים האבן בארעדט דאס התנהגות פון הרה"ק רבי פנחס קאריצער זצוק"ל. דערנאך האט ער באזוכט ביי רבי פנחס קאריצער און אויך דארט איז ער זייער איבערגענומען געווארן פון זיין עבודה, אבער ווידער האט ער זיך אנגעקלאפט אין דעם ווייטאגליכע ערשיינונג וואס האט אים זייער געשטערט אז די חסידים האבן גערעדט קעגן רבי מיכל'ע זלאטשובער און זיינע חסידים. מיט אנטוישונג האט ער זיך אויסגעדריקט: "דער טוט אפ'פסל'ן דעם מיט זיינע מענטשן, און דער פסל'ט יענעם מיט זיינע מענטשן און איך זאג, זיי זענען ביידע גערעכט..." זייט דעמאלט האט ער זיך אינגאנצן דערווייטערט פון חסידות און איז געווארן א מתנגד. אויף אזוי ווייט, דאס ער פלעגט האבן א מנהג צו רעדן יעדן טאג צו זיין פאמיליע, די קינדער און איידימער, קעגן דעם דרך החסידות און זיי אנגעזאגט צו שטיין וואס ווייטער פון די רבי'ס און זייערע מענטשן.

און טראצדעם וואס רבי דוד צבי איז געווען א שארפער מתנגד האבן אבער די צדיקים און תלמידי בעל שם טוב אים זייער מכבד געווען צוליב זיין גרויסקייט און צדקות. אויך דער רבי האט זיך אמאל אויסגעדריקט ביי א געלעגנהייט, "דיין שווער איז א צדיק."

צוויי יאר איז רבי נתן געזעסן ביים שווער אין הויז וואו ער האט איינגעזאפט הויפנס פון תורה און יראת שמים. פאר סוכות פון יאר תקנ"ה האט רבי נתן זיך אריבערגעצויגן קיין נעמירוב וואו זיין טאטע האט געוואוינט און האט אים אריינגענומען צו זיך אין שטוב אויף קעסט.

פארזעצונג אין קומענדיגע נומער אי"ה

# תְּפִלָּה אוֹיף דִי נְסִיעָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אוֹיף אוּנְז וֶועגְן דַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען, אוּן זַיי אוּנְז צוּ הִילְף מִיר זָאלְן קֶענֶען צוּבְרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זִיךְ בֶּאֱמֶת מְקַשֵּׁר זַיין צוּ זֵיי, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת בִּשְׁלֵמוּת דוּרְךְ זֵיי, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין גוּטֶע חֲסָדִים.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן אוּן אָנֶערְקֶענֶען דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקַייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד ווִי אוּמְשְׁנֶעלְסְטְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרַייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען.

זַיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָׁה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה.

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




דֶערְנָאךְ אִיז דֶער חָכָם גִישְׁטָארְבִּין. אוּן דָאס סֵפֶר אִיז גִיגַאנְגֶען בִּירוּשָּׁה, אוּן עֶס אִיז אָן גִיקוּמֶען צוּ זַיין אֵיינִיקִיל. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט כֹּחַ צוּ נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָּׁה. נָאר עֶר הָאט גִיהַאט אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר הָאט דֶערְמִיט נִיט גִינוּצְט. אַזוֹי וְוִי דֶער זָקֵן הָאט צַוָואָה גִילָאזְט.

אוּן דִי מְדַבְּרִים (דְהַיינוּ דִי וָואס זֵיי רֵיידִין אָן) וָואס עֶס אִיז פַאר הַאנְדְן צְווִישְׁן דִי שֵׁדִים. הָאבְּן אָן גִירֶעט דָאס אֵיינִיקִיל פוּן דֶעם זָקֵן. בַּאֲשֶׁר דוּ הָאסְט טֶעכְטֶער גְרוֹיסֶע. אוּן דוּ פַּארְמָאגְסְט נִיט זֵיי מְפַרְנֵס צוּ זַיין אוּן זֵיי חַתוּנָה מַאכִין. עַל כֵּן פָּארִי דִיךְ מִיט דֶעם סֵפֶר.

אוּן עֶר הָאט נִיט גִוואוּסְט אַ זֵיי רֵיידִין אִים דָאס אָן. אוּן עֶר הָאט גִימֵיינְט. אַז זַיין הַארְץ רֶעט אִים דָאס אָן. אִיז עֶר גִיפָארִין צוּ זַיין זֵיידִין אוֹיף זַיין קֵבֶר. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. בַּאֲשֶׁר דוּ הָאסְט גִילָאזְט צַוָואָה אַז מֶען זָאל נִיט נוּצִין מִיט דֶעם סֵפֶר.

נָאר מִיר זָאלִין אֱמוּנָה הָאבִּין אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. הַיינְט. רֶעט מִיךְ אָן דָאס הַארְץ. אִיךְ זָאל דֶערְמִיט נוּצִין. הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט זַיין זֵיידֶע (וָואס עֶר אִיז גִישְׁטָארְבְּן) כָאטְשֶׁע דוּ קָאנְסְט נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָּׁה. אִיז בֶּעסֶער אַ דוּ זָאלְסְט הָאבִּין אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן זָאלְסְט דֶערְמִיט נִיט נוּצִין אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט דִיר הֶעלְפִין. הָאט עֶר אַזוֹי גִיטָאן.

וַיְהִי הַיּוֹם. אִיז דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה וָואס דָארְט אִיז גִיזֶעסִין דָאס אֵיינִיקִיל פוּן דֶעם זָקֵן. אִיז דֶער מֶלֶךְ קְרַאנְק גִיוָוארִין.

הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹירִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים נִיט גִיקֶענְט טָאן קֵיין רְפוּאָה. מַחְמַת גְרוֹיסֶע הִיצֶען וָואס אִיז גִיוֶועזְן דָארְט אִין דֶער מְדִינָה. דֶער אִיבֶּער הָאבִּין נִיט גִיהָאלְפִין דִי רְפוּאוֹת.

הָאט דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה גוֹזֵר גִיוֶועזְן אַז יוּדִין זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. הָאט אוּנְזֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. (דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ פוּן שֵׁדִים) בַּאֲשֶׁר דָאס אֵיינִיקִיל הָאט זִיךְ כֹּחַ צוּ נוּצִין מִיט דֶעם סֵפֶר בִּקְדוּשָּׁה. אוּן עֶר נוּצְט פָּארְט נִיט דֶער מִיט. דְרוּם בַּאדַארְפִין מִיר אִים אַ טוֹבָה טָאן.

אוּן הָאט גִיהֵייסִין מִיר אַז אִיךְ זָאל דָארְט וֶוערִין אַ וָואלְקִין. כְּדֵי דֶער מֶלֶךְ (פוּן דֶער מְדִינָה) זָאל הָאבִּין אַ רְפוּאָה. פוּן דִי רְפוּאוֹת וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גִינוּמֶען אוּן פוּן דִי רְפוּאוֹת וָואס עֶר וֶועט נָאךְ נֶעמֶען.

אוּן דָאס אֵיינִיקִיל הָאט דֶערְפוּן גָאר נִיט גִיוואוּסְט. אוּן מַחְמַת דֶעם בִּין אִיךְ דָא גִיוֶועזְן אַ וָואלְקִין. (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער וָואלְקִין צוּם שְׁלִיחַ).

אוּן דֶער וָואס הָאט פְּרִיר נִיט גִיהַאט קֵיין

כֹּחַ אִין דִי פִּיס. אִיז זֵיי נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט דָאס אַלְץ גִיהֶערְט. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ (דְהַיינוּ דֶעם וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ וָואלְקִין הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ)

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסִין. אַז מֶען זָאל בַּיי אִים אָפּ נֶעמֶען דֶעם כֹּחַ. אוּן מֶען זָאל אוּם קֶערִין צוּ דֶעם מֶלֶךְ (וָואס זֵיי הָאבִּין בַּיי אִים דֶעם כֹּחַ אַוֶועק גִינוּמֶען וַוייל עֶר הָאט גִיבּוֹיעֶט אוֹיף זֵייעֶר אוֹרְט כַּנַּ»ל)

הָאט מֶען אִים אוּם גִיקֶערְט דֶעם כֹּחַ. אִיז צוּרִיק גִיקוּמֶען דֶער זוּן פוּן דִי שֵׁדִים (וָואס דֶער פָּאטֶר אוּן דִי מוּטֶער הָאבִּין גִיוֵויינְט נָאךְ אִים כַּנַּ»ל) אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען זֵייעֶר אָפְּגִימוּטְשֶׁעט אָן כֹּחַ וָוארִין מֶען הָאט אִים דָארְט זֵייעֶר גִיפַּיינִיגְט.

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַּארְדְרָאסִין אוֹיף דֶעם מְכַשֵּׁף וָואס עֶר הָאט אִים דָארְט אַזוֹינֶע יִסוּרִים אָן גִיטָאן. הָאט עֶר אָן גִיזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה. אַז זֵיי זָאלִין תָּמִיד לָאקֶערִין אוֹיף דֶעם מְכַשֵּׁף.

אוּן צְוִוישִׁין דִי שֵׁדִים אִיז דָאךְ אָבֶּער דָא מְדַבְּרִים (דְהַיינוּ דִי רֵיידֶערְס) זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אָפּ גִיזָאגְט דֶעם מְכַשֵּׁף. אַז זֵיי לָאקֶערִין אוֹיף אִים. כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין.

הָאט דֶער מְכַשֵּׁף גִיטָאן תַּחְבּוּלוֹת. אוּן עֶר הָאט גִירוּפְן נָאךְ מְכַשְּׁפִים וָואס זֵיי וֵוייסְן נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטִין פוּן זֵיי. הָאט עֶס זֵייעֶר פַּארְדְרָאסְן דֶעם זוּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף דִי מְדַבְּרִים. נָאךְ וָואס זֵיי הָאבִּין אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם סוֹד דֶעם מְכַשֵּׁף.

אַמָאל הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין. אַז זֵיי זֶענֶען אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וַוארְטֶע בַּיי דֶעם מֶלֶךְ, פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זוּן. אוּן פוּן דִי מְדַבְּרִים. זֶענֶען גִיגַאנְגֶען דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זוּן אוּן הָאבְּן גִימַאכְט אַ בִּילְבּוּל אוֹיף דִי מְדַבְּרִים הָאט דֶער מֶלֶךְ אוֹיס גִיהַרְגֶ›עט דִי מְדַבְּרִים.

הָאט עֶס דִי אִיבְּרִיקֶע מְדַבְּרִים פַּארְדְרָאסִין. זֶענֶען זֵי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבְּן גִימַאכְט אַ מְרִידָה (דְהַיינוּ אַ גְרוֹיסֶע קְרִיג) צְוִוישְׁן אַלֶע מְלָכִים. אִיז גִיוָוארְן צְוִוישְׁן דִי שֵׁדִים הוּנְגֶער אוּן חַלָשׁוֹת אוּן חֶרֶב אוּן דֶבֶר. אוּן סֶע גִיוָוארִין מִלְחָמוֹת צְוִוישְׁן אַלֶע מְלָכִים.

אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גִיוָוארִין עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ אִיז אַיין גִיפַאלִין דִי גַאנְצֶע עֶרְד. אִיז דֶער בּוּים גִיוָוארִין אָן גִיטְרֶענְקְט גָאר אִין גַאנְצִין. אִיז פוּן זֵיי (דְהַיינוּ פוּן דִי שֵׁדִים) גָאר נִישְׁט גִיבְּלִיבֶּען. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין גָאר נִישְׁט. אָמֵן.

אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ וְכוּ› לֹא עָמַד וּבְמוֹשַׁב לֵצִים וְכוּ› וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל פַּלְגֵי מָיִם וְכוּ› גָאר דִי מַעֲשֶׂה אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם קַפִּיטְל. וֶוער עֶס הָאט אוֹיגִין לָאז זֶעהְן אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ הַארְץ לָאז פַּארְשְׁטֵיין. וָואס אוֹיף דֶער וֶועלְט טוּט זִיךְ.

המשך פון זייט 12

# אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע פְלַאם

זַיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּשְׁטֶערוּנְג, טוֹיט, אוּן חוּרְבָּן.

אָט לֵיינְט אִיבֶּער זַיי:

בַּיים סוֹף מַעֲשֶׂה פוּן דֶער חִגֵר? הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אַז וֶוען דִי צַייט פוּן דֶעם זָקֵן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען זִיךְ צוּ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דֶעם וֶועלְט, הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זַיי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ לָאז עֶנְק אִיבֶּער דֶעם סֵפֶר, אוּן דֶעם סֵפֶר שְׁטֵייעֶן אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי שֵׁדִים, אוּן אִיר זֶעט אַז אִיךְ בִּין בְּכֹחַ זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן מִיט דֶעם סֵפֶר בִּקְדֻשָּׁה. אָבֶער אִיךְ בַּאנוּץ זִיךְ נִישְׁט דֶערְמִיט קֵיינְמָאל. פַארְוָואס? וַוייל אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער.

״אִיךְ בֶּעט עֶנְק מַיינֶע טַייעֶרֶע זוּן, אַז אִיר זָאלְט זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן דֶערְמִיט, נָאר אִיר זָאלְט הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער״.

אוּן דֶער חָכָם אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן.

זַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְט מִיט דֶעם, בִּיז וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם אֵיינִיקְל. עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע טֶעכְטֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זַיי צוּ שְׁפַּייזְן אוּן חֲתוּנָה מַאכְן. עֶס זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים מֶענְטְשְׁן צוּצוּרֶעדְן אַז עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן מִיט דֶעם סֵפֶר. עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דִי שֵׁדִים רֶעדְן אִים אַזוֹי אַיין, אוּן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז זַיין הַארְץ רֶעדְט אִים צוּ אַז עֶר זָאל זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דֶעם סֵפֶר.

וַוייטֶער הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי רֶעדֶערְס וָואס דִי מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעמַאכְט אַ בִּלְבּוּל בַּיים קֶענִיג אוֹיף זַיי, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זַיי גֶע׳הַרְגְ׳ט. דִי רֶעדֶערְס וֶועלְכֶע זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן הָאט דָאס אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן זַיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעמַאכְט אַ מְרִידָה צְוִוישְׁן אַלֶע רֶעדֶערְס, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן מִלְחָמוֹת מִיט אַלֶע קֶענִיגְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַ עֶרְד צִיטֶערְנִיש אוּן דִי בּוֹים אִיז בַּאוַואסֶערְט גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן דֶערְפוּן. אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹיוִוי עֶס וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶקְזִיסְטִירְט.

לֶערְנֶען מִיר פוּן דֶעם, טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן דָאס מוֹיל. סְתַּם רֶעדְן אִיז וִוי דִי רֶעדֶערְס פוּן וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט אַזוֹי שַׁארְף אַז זַיי בְּרֶענְגֶען אַ חוּרְבָּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיר וֶועלְן בּוֹיעֶן דָאס וֶועלְט מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער.

## שבת נחמו

דֶער שַׁבָּת הֵייסְט שַׁבָּת נַחֲמוּ. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט דֶער טַייטְשׁ – אַז דֶער שַׁבָּת אַלֵיין אִיז אַ נֶחָמָה!

מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז שַׁבָּת אִיז דֶער צַדִּיק – ׳אַנְתְּ הוּא שַׁבָּת דְכוּלְּהוּ יוֹמִי׳, דֶער צַדִּיק – עֶר אַלֵיין אִיז דִי נֶחָמָה.

נָאכְ׳ן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאבְּן מִיר אַ נֶחָמָה פוּן אַלֶע צָרוֹת אַז מִיר הָאבְּן דֶעם שַׁבָּת, אוּן וֶוער אִיז דֶער שַׁבָּת? ׳שַׁבָּת׳ אִיז דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת!

(לויט טעם זקנים)



pe: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דריטע מעשה – דער הינקעדיגער (6) סוף

**א. וואס האט דער אייניקל געטון ווען די מדברים האבן אים צוגערעדט צו נוצן דעם ספר?**
- ❑ ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט
- ❑ ער האט זיי אלע פארשיקט
- ❑ ער איז געפארן צו זיין זיידנס קבר און איז געפרעגט וואס צו טון

**ב. צו דען האט דער אייניקל פון דעם זקן געניצט דער ספר פון די שדים ביים סוף?**
- ❑ ער האט זיך געניצט מיט דעם
- ❑ ער האט זיך נישט געניצט מיט דעם
- ❑ ער האט זיך געניצט מיט דעם אסאך צייט שפעטער

**ג. פארוואס האט נישט געהאלפן די רפואות פאר דער מלך וואס האט געוואוינט ביי די מדינה פון דער איניקל?**
- ❑ ווייל סאיז דארט נישט געווען קיין גוטע דאקטורים
- ❑ וועגן די גרויסע היצן אין די מדינה
- ❑ וועגן די גרויסע קעלטן וואס איז געווען דארט אין די מדינה

**ד. וויאזוי איז געווארן א ערד ציטערניש דארטן?**
- ❑ דורך די מלחמות וואס איז געווארן צווישן אלע קעניגן
- ❑ דורך די כישוף מאכערס וואס האבן געמאכט כישוף
- ❑ ווייל סאיז דארט נישט געווען געבויעט מיט שטארקע יסודות

**ה. וואס איז געבליבן פון די אלע שדים?**
- ❑ סאיז גאר נישט געבליבען פון זיי
- ❑ זיי זענען געווארן גאר נישט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. אין וועלכע קפיטל איז מרומז די מעשה?**
- ❑ קפיטל פ"ד אשרי יושבי ביתך
- ❑ קפיטל קי"ט אשרי תמימי דרך
- ❑ קפיטל א' אשרי האיש

## טיפער געטראכט



וואו זעט מען אין די מעשה אז אפילו די גויים זענען מכיר אין די גרויסקייט פון די תפילת פון די אידן?

און אין וועלכע מעשה נאך, זעט מען די זעלבע זאך(אז אפילו די גויים זענען מכיר אין די תפילת פון אידן)?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך (חיגר 5)

וואספארא זאך וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה האט דער רבי געזאגט אז ביי די וועלט איז דאס א קליין זאך און ביי מיר איז דאס א גרויסע זאך? **אמונה,** (שיחות הר"ן ל"ג).

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע פְּלַאם

נָאךְ אָבוֹת וּבָנִים הָאט אֵלִיָּהוּ גֶערוּפְן אַ צָאל חֲבֵרִים אוּן זֵיי אַנְטְשְׁלָאסְן מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: "פוּן הַיינְט שְׁפִּילְט נִישְׁט גֵּרְשׁוֹן מִיט אוּנְז! אִיךְ רָאט עֶנְק אַז אִיר זָאלְט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים. עֶר קוּמְט פוּן אַ מִשְׁפָּחָה פוּן - - - כְ'וִויל נִישְׁט זָאגְן וָואס... אוּן זַיין טַאטֶע, שׁוֹין בֶּעסֶער אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט...

ווּאוּ אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי קֻפָּה פוּן גֶעגְנְט? סְ'אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן גֵּרְשׁוֹנְ'ס טַאטֶע, אוֹיךְ הָאט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט קְבִיעוּתְ'דִיגֶע תּוֹרְמִים - בְּקִצּוּר, עֶר הָאט שָׁאדְן גֶעמַאכְט פַאר דִי קֻפַּת הָעִיר קַאסֶע".

"יָא, עֶפֶּעס דֶערְמַאנְסְטוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ עֶפֶּעס גֶעהֶערְט," הָאט יְרַחְמִיאֵל צוּגֶעלֵייגְט, "אַז דִי קַאסֶע שְׁטִיצְט כִּמְעַט נִישְׁט קַיין נוֹיט-בַּאדֶערְפִיגֶע. זַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ טַאקֶע סְתַּם אַרייַנְגֶעמִישְׁט אוּן שָׁאדְן גֶעמַאכְט פַאר דִי אָרִימֶעלַייט, שׁוֹין, וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן...

אוֹיךְ מֶענְדְל הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר דַארְף עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַלֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה מִישְׁן זִיךְ אֵייבִּיג אַרַיין, אוּן אוֹיךְ גֵּרְשׁוֹן מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אִין דִי חֶבְרָה אוֹיף צוּ טֵיילְן דִי קַארְטְלֶעךְ אוּן גוּטֶע זַאכְן..."

"זָאל עֶר זִיךְ דֶערְוַוייגְן צוּ צוּקוּמֶען צוּ אוּנְז, מִיר גֵייעֶן אִים וַוייזְן דִי וֶועג..." הָאט מְנַשֶּׁה צוּגֶעשְׁטִימְט.

דֶער אוּמְשׁוּלְדִיגֶער גֵּרְשׁוֹן אִיז לַיידֶער גֶעוָוארְן וִוי אִין חֵרֶם פוּן אַלֶע קִינְדֶער פוּן גֶעגְנְט. דִי אוֹיגְן קוּקְן אוֹיף אִים, דָאס מוֹיל רֶעדְט אוֹיף אִים, מֶען שֶׁעפְּשֶׁעט אִיבֶּער אִים. דִי שִׂנְאָה שִׂיסְט, דָאס פַייעֶר פְלַאקֶערְט, אַלֶע וַוייזְן אָן אָפְן אוּן בַּאהַאלְטְן - אַז זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג! אַלֶע דַארְפְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן זֵיי זִיבֶּעצִיג קִילָאמֶעטֶער אָן צוּ פַארְטוּישְׁן מִיט זֵיי אַ וָוארְט. זָאלְן זֵיי זִיךְ שֶׁעמֶען! זֵיי זָאלְן זֵיי זִיךְ גֵיין.

דִי פַּרְשָׁה צוּפְלַאקֶערְט זִיךְ, אוּן דִי מִשְׁפָּחָה אַנְטְלוֹיפְט כִּמְעַט.

דֶער רָב פוּן פוּן בֵּית מִדְרָשׁ הָאט צוּזַאמֶענְגֶערוּפְן אַלֶע קִינְדֶער פוּן גֶעגְנְט, אוּן זֵיי עֶרְקְלֶערְט צוּבִּיסְלֶעךְ וְוִיאַזוֹי עֶס וֶוערְט אַ 'קְלֵיינֶע' טָעוּת בַּיי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס הָאט עֶפֶּעס גֶעזֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט, אוּן פוּן יֶענֶע לָשׁוֹן הָרָע וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט אִיבֶּעְרָאל, אָט דָאס אִיז וָואס הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דִי פְלַאם פוּן לִיגְנְט אוּן שִׂנְאַת חִנָּם.

אֵלִיָּהוּ הָאט פַארְגָאסְן טְרֶערְן מִיט בּוּשָׁה אוּן חֲרָטָה. עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף זַיין אִיבֶּערְגֶעאַיילְטְקַייט אוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע רֵייד. אַ וֵוייטָאג הָאט אָנְגֶעכַאפְּט אַלֶע קִינְדֶער. אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע בֵּיינֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעלֶערְנְט דִי שְׁלֶעכְטֶע הַשְׁפָּעָה פוּן דִי וָואס רֶעדְן צוּ אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס. אַזוֹיווִי מִיר הָאבְּן לֶערְנֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דִי 'רֶעדֶערְס' וִוי



המשך אויף זייט 10